בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל

וזוג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

## פרשת תולדות

# די גרעסטע פאפעריי

### פרנס השבוע

לע"נ
ר' פנחס בן ר' יעקב ע"ה
ר' ישכר דוב בן ר' יעקב נפתלי ע"ה

לרפואת שלימה
יהודא בן רחל בתושח"י

לע"נ
מרת רחל בת ר' שלמה ע"ה

צו מנדב זיין רופט:
347.451.0332
אימעילט: Director@torasavigdor.org



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.222.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-0332**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*
**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת תולדות

שנה ד'

# די גרעסטע פאפעריי

תוכן:

חלק א. פאָפן זיך אליין - חלק ב. מדארף זיך חושד זיין - חלק ג. מדארף קענען זיין כיטער

## חלק א. פאָפן זיך אליין

### א גרויסע וואונדער

איינע פון די גרויסע וואונדער אין די תורה איז דער פאקט אז יצחק אבינו האט צוערשט געוואלט געבן די ברכות פאר עשו. איך זאג 'צוערשט' - ס'איז געווען מער ווי דאס. ס'האט כמעט אזוי פאסירט! יצחק האט געוואוסט אז עס וועט זיין א אידישע פאלק מיט דריי אבות - און ער האט געפלאנט צו געבן פאר עשו די ברכות און דאדורך אים מאכן פאר דער דריטער פון די אבות!

לויט דעם פלאן פון יצחק, וואלטן מיר אויף אייביג געשטאנען ביי שמונה עשרה און געזאגט אלקי אברהם, אלקי יצחק ואלקי עשו. אבער מיר וואלטן דאס נישט געזאגט ווייל מיר וואלטן שוין נישט עקזיסטירט. אויב עשו וואלט געשטעלט געווארן צווישן די דריי אבות, וואלט עס חס ושלום געווען א חורבן; מיר וואלטן נישט געווען דא היינט. מיר זענען דער עם אלקי יעקב. דאס איז די איינציגסטע סיבה פארוואס מיר עקזיסטירן היינט.

אלזא, איר דארפט פארשטיין אז יצחק איז געווען א גרעסערער חכם ווי אפילו אברהם אבינו. אזוי זאגן די חז"ל. אברהם אבינו איז געווען דער אויסטערפעער, דער מחדש, אבער יצחק אבינו האט געלערנט אלעס וואס זיין רבי האט אים געלערנט און ער האט אויך צוגעלייגט דערצו. ער איז געווען ווי א ריז וואס שטייט אויף די פלייצעס פון אן אנדער ריז, און דערפאר איז נישט קיין שאלה אז יצחק איז געווען איינער פון די גרעסטע חכמים אין די געשיכטע; און דעריבער, צו זאגן אז עשו האט אים געקענט אפנארן, אים אויספאפן, איז זייער א גרויסער וואונדער.

### געטרייסלט ווי א בלעטל

און דאס איז נישט געווען קיין קליינער טעות וואס יצחק האט געמאכט, עפעס וואס מ'האט

געקענט אדורכלאזן. ס'איז געווען שרעקליך און פחד'יג. דאס איז פארוואס ווען יצחק האט אנטדעקט זיין טעות **וַיֶּחֱרַד יִצְחָק חֲרָדָה גְּדֹלָה עַד מְאֹד** - ער האט געציטערט זייער א גרויסע ציטערניש (תולדות כז:לג). אלזא, **חֲרָדָה גְּדֹלָה** טוט אנדייטן אז זיינע הענט און פיס האבן זיך געשאקלט ווי אין א צעטרייסלונג, אז ער האט זיך געשאקלט ווי א בלעטל אין א שטורעם. דאס אליין איז אן עקסטרעמע שפראך אבער אייגנטליך זאגט דער פסוק מער ווי דאס. עס שטייט **חֲרָדָה גְּדֹלָה עַד מְאֹד** - עס איז געווען א שטארקע טרייסלעניש, זייער שטארק. אין קיין שום אנדער פלאץ אין חומש וועט מען נישט טרעפן אזא באשרייבונג. ס'איז נישט געווען ווי א פשוט'ער שטורעם; ס'איז געווען ווי ער וואלט געווען פארכאפט אין א הוריקעין, ווערנדיג געווארפן אהין און צוריק דורך מעכטיגע שטורעם ווינטן.

למעשה, יצחק האט נישט אזוי געטרייסלט בלויז צו מאכן א שפיל - ער האט געמוזט זיין שרעקליך דערציטערט. און דערפאר פרעגן די חז"ל א שאלה: פארוואס האט ער זיך אזוי געווארפן? וואס האט ער געזען וואס האט אים אזוי דערשראקן?

## א בליק אריין אין גיהנום

אלזא, הערט דעם ענטפער וואס די חז"ל זאגן אונז (רש"י שם): **ראה גיהנם פתוחה מתחתיו** - יצחק האט געזען אז דער גיהנום האט זיך געעפנט אונטער אים. למעשה, אויב מיר זאלן זען ווי דער גיהנום עפנט זיך, איז נישט קיין שאלה אז מיר וואלטן אויך צעטרייסלט געווארן. נישט נאר אונזערע הענט, נאר אונזערע פיס און אונזערע אויגן און אונזערע ליפן און אונזער קאפ און אונזער מח וואלטן געטרייסלט.

אויב מיר וואלטן געזען דעם גיהנום בלויז איין מאל וואלטן מיר נישט אויפגעהערט זיך טרייסלען אויף א גאנץ לעבן. עס וואלט אפשר געווען פאר אונז א גוטע זאך - אדער אפשר וואלט עס אונז נישט געווען אזוי גוט ווייל דאן וואלט עס אונז ארויסגענומען פון דינסט. דאס איז פארוואס דער באשעפער ווייזט עס אונז נישט. מיר דארפן לערנען פון דעם גיהנום, מיר דארפן טראכטן דערפון, אבער עס איז פארהוילן מיט א שלייער ווייל אויב מיר וואלטן עס געזען, גלייב איך נישט אז מיר וואלטן נאך געקענט פונקציאנירן.

אבער יצחק האט עס געזען! ער האט געזען ווי דער גיהנום עפנט זיך גלייך נעבן זיינע פיס. דאס מיינט אז ער האט עס געזען און איז שיעור אריינגעפאלן דערין. ער האט כמעט אוועקגעגעבן זיין צוקומפט פאר עשו, נאר אין די לעצטע רגע, בשעת ער איז געשטאנען ביים שוועל פון תהום, האט ער אנטדעקט דעם אמת. נאך וואס יעקב האט גענומען די ברכות און איז ארויס, ווען עשו איז אריינגעקומען האט דאן יצחק געפרעגט, "ווער איז דער וואס איז דא געווען פריער און איך האב אים געגעבן די ברכות?!" ער האט יעצט געזען אז די האנט פון באשעפער האט אים אנטפלעקט דעם אמת. יצחק האט געוואוסט אז זאכן האבן נישט פאסירט בטעות און אויב עס האט זיך יעצט ארויסגעשטעלט אז ער האט אוועקגעגעבן דעם צוקומפט פאר יעקב, האט ער אצינד פארשטאנען אין א בליץ אז ער האט געמאכט א שרעקליכן טעות דורכאויס די אלע יארן. 'עשו איז נישט געווען דער אויסדערוועלטער!? עס איז געווען איין

גרויסער טעות. און איך האב כמעט ארייגעטראטן אין תהום!'

איך האב שוין געזען אזעלכע אינצידענטן. א מענטש האט שפאצירט אויף א בריק אין די טונקלקייט. ער איז אינדרויסן פון שטאט און עס איז טונקל, שטאק פינסטער, אבער ער מוז אנקומען אהיים, זעצט ער פאר צו גיין. מיטאמאל, שניידט דורך א בליץ און אין יענע פלוצלינגדיגע שטראל פון ליכטיגקייט זעט ער אז ער שטייט אויפ'ן ברעג פון א הויכער תהום. דאס איז א שאקירנדע איבערלעבעניש! מיט איין טריט ווייטער וואלט ער געווארן אראפגעשליידערט און צעשמעטערט אין שטיקער.

ווען איך בין געווען יונגער האב איך געזען אזא מאלעריי. א מענטש גלאצט אראפ אין א טיפער אפגרונט און ער באמערקט ווי נאנט ער איז געווען צו ווערן א געענדיגטער. ער האט זיך אפגעשטעלט פונקט אין צייט.

דאס איז וואס יצחק האט געזען. נאר ער האט געזען פיל מער ווי דאס. ער האט געזען א פיל טיפערע לאך; א לאך וואס האט זיך געצויגן ביז צום גיהנום.

## פארנארן דעם חכם

די שאלה איז ווי אזוי האט אזא זאך געקענט בכלל פאסירן? יצחק איז געווען צו קלוג פאר דעם; ווי אזוי האט עס געקענט זיין אז ער איז אנגעקומען אזוי נאנט צום תהום? ווי אזוי האט ער געקענט פארנארט ווערן צו טראכטן אז עשו, נישט נאר אז ער איז ווערד נאר אז ער איז נאכמער ווערד ווי יעקב?

דאס איז א שאלה וואס פאדערט אן ערנסטע אויפמערקזאמקייט. אלזא, איך זאג נישט אז מיר גייען עס אינגאנצן פארענטפערן, אבער כאטש דארפן מיר טראכטן דערפון. און אויב טוען מיר דאס, וועלן מיר קענען ארויסלערנען א וויכטיגער מוסר השכל פאר אונז.

אלזא, קוקן מיר אריין אין די פרשה וואו עס שטייט **וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו** - און יצחק האט ליב געהאט עשו ווייל ער האט געגעסן פון דאס געפאנג וואס עשו האט געפאנגען פאר אים (תולדות כה:כח). דער פשוט'ער באדייט זעט אויס צו זיין אז ווייל עשו האט געפאנגען הערשן צו געבן פאר זיין טאטן צו עסן הערשן פלייש, דערפאר האט ער אים ליב געהאט און ער איז פארנארט געווארן. הערשן פלייש האט א געשמאקער טעם, ווייסט איר. אפשר האט איר עס נאך קיינמאל נישט געקאסט ווייל עס איז זייער טייער אבער גוט געבראטענע הערשן פלייש איז א דעליקאטעסן. און דערפאר פארשטייען מיר אז אויב עס וואלט געווען ביי אונז, קענען מיר ווערן אונטערגעקויפט דערמיט. אבער אויף יצחק איז אוממעגליך צו זאגן אזעלכע ווערטער! דער אלטער חכם יצחק איז אונטערגעקויפט געווארן דורך זיין זון ווייל ער האט אים געברענגט דעליקאטעסן צו עסן?!

און דא זאגן אונז די חז"ל א דרש אויף די ווערטער **כִּי צַיִד בְּפִיו** - ער האט אים געפאנגען אין זיין מויל. דאס מיינט אז עשו האט געפאנגען זיין פאטער דורך די רייד וואס ער האט גערעדט. "טאטע," האט עשו געזאגט, "**אֵיךְ מְעַשְּׂרִין אֶת הַמֶּלַח** - ווי אזוי שיידט מען אפ מעשר פון זאלץ?" למעשה, אויף זאלץ דארף מען בכלל נישט געבן מעשר. אבער ער פלעגט פרעגן

פון זיין טאטע אזעלכע שאלות, חומרות. די גאנצע צייט האט ער געפרעגט פון זיין טאטע אזעלכע סארט שאלות.

## ער האט זיך איינגערעדט

אבער אויב מיר טראכטן אז עס איז געווען בלויז יצחק אבינו, זיין אלטער פאטער, וואס האט זיך געלאזט פארכאפט ווערן אין זיין נעץ, איז דאס א גרויסער טעות ווייל ס'איז געווען פיל מער ווי דאס. קיינער האט נישט געקענט אזוי פארנארן יצחק. ס'איז נישטא קיין שאלה אין דעם. עשו האט נישט געקענט סתם לייגן א שלייער אויף די אויגן פון יצחק.

איר ווייסט ווי אזוי עשו האט פארנארט יצחק? ווייל עשו האט זיך אליין פארנארט! ער האט געוואלט געבן מעשר אויף זאלץ! ער האט געוואלט זיין א מחמיר.

דאס איז א גרויסער יסוד וואס מענטשן ווייסן נישט. עשו איז נישט געקומען צו אויסנארן זיין טאטע - ער האט געגלייבט אז ער איז ערליך; ער האט געטראכט אז ער איז א צדיק. איך ווייס אז דאס איז א חידוש פאר מענטשן צו הערן, אבער נעמט דאס אריין אין קאפ כאטש אלס א מעגליכקייט. ס'איז מער ווי א מעגליכקייט צו מיר: עשו האט נישט פארנארט יצחק - ער האט זיך אליין פארנארט! עשו האט געגלייבט אז ער איז ווערד דערצו, אז ער איז דער בעסערע. און ער איז געווען ערנסט דערין. ער האט געלייגט א שלייער אויף זיינע אייגענע אויגן!

און דאס האט געמאכט עשו די מערסט געפארפולערע. - דער גרעסטער רמאי, דער גרעסטער שווינדלער, איז נישט דער מענטש וואס קומט דיר פארנארן. ס'איז ווען ער פארנארט זיך אליין דורך טראכטן אז ער איז עפעס, דעמאלטס איז ער דער גרעסטער רמאי. דאס איז דער געפארפולסטער שווינדל. א מיסיאנער וואס ווערט באצאלט, לאמיר זאגן, צו פארכאפן מענטשן, אבער ער גלייבט נישט דערין, דאס איז א קליינע סכנה. אבער א מיסיאנער וואס איז אזוי פארמישט אין דעם שקר פון די עבודה זרה אז ער גלייבט פאקטיש דערין, ער איז מער געפארפול. און עשו האט געגלייבט אין זיך. דאס איז וואס דער "געפאנג אין זיין מויל" באדייט.

## פירן לויט די אייגענע דרגה

אודאי, די רייד פון דעם פסוק מיינען וואס זיי זאגן. עשו איז ארויסגעגאנגען אין פעלד און געפאנגען עסן פאר זיין טאטע. אבער ס'איז נישט נאר דאס. אייגנטליך, עשו איז ארויס אין פעלד צו דינען דעם באשעפער. ווען ער איז געווען אין געזעג נאך א הערש האט ער עס געטון צו מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב. און ער האט עס געטון ערליך. עשו איז געווען א מומחה, א חסיד, אין כיבוד אב. ער האט עס מקיים געווען לפנים משורת הדין.

איר ווייסט, אז ווען עשו האט געדארפט גיין צו באגעגענען זיין פאטער איז ער געקומען צו אים נאר אין זיינע בגדיו החמודות, אין זיינע בעסטע מלבושים! **אָמַר רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל עֲדַיִן לֹא הִגַּעְתִּי לְכִבּוּד אָב שֶׁל עֵשָׂו הָרָשָׁע** - רבן שמעון בן גמליאל האט געזאגט, "איך האב נאכנישט דערגרייכט צו די הויכע מדריגה אין כיבוד אב פון עשו הרשע." ס'איז נישט גרינג צו טון אזא זאך. דאס מיינט אז ער האט געדארפט אויסטון זיינע פאנג קליידער און זיך טוישן צו

יום טוב'דיגע קליידער און ווען ער איז אוועקגעגאנגען זיך צוריקטוישן. א שעה שפעטער האט ער זיך נאכאמאל געטוישט. און דאס האט ער געטון יעדן טאג! און דערפאר האט רבן שמעון געזאגט, "איך קען דאס נישט טון. איך האב נישט געקענט מכבד זיין מיין פאטער אזוי שטארק ווי עשו האט געטון."

אלזא, רבן שמעון האט אויך פארמאגט יום טוב'דיגע קליידער; אויב ער וואלט געוואלט וואלט ער עס אויך געקענט טון. אבער ער האט נישט געוואלט זיין א רמאי. "איך ווייס אז איך בין פאלש. איך זאל אנטון בגדי יום טוב?! אויב איך וועל אנקומען צו אט די הויכע מדריגה, וועל איך עס אויך טון, אבער איך האב קיינמאל נישט דערגרייכט צו אט די הויכע מדריגה פון כיבוד אב." רבן שמעון'ס פאטער איז געווען א גרויסער מענטש; רבן גמליאל איז געווען זייער א גרויסער מענטש און ווען רבן שמעון איז געקומען צו זיין פאטער איז עס געווען מיט'ן גרעסטן כבוד. "אבער איך זאל זיך מאכן פאר א רמאי און זיך אנטון בגדי יום טוב? ניין, דאס איז נישט פאר מיר."

אבער עשו האט נישט געהאט דעם פראבלעם ווייל ער האט זיך שוין אליין געהאט איבערגערעדט אז עס איז פאר אים, אז ער איז אויף די מדריגה. דאס איז פארוואס ער האט דאס געטון. ער האט געזאגט, "דאס איז וואס איך בין! איך בין נישט ווי מיין יונגערער ברודער יעקב וואס זיצט אינדערהיים א גאנצן טאג. איך בין די אמת'ע זאך! איך גיי ארויס אין די פעלדער ארבעטנדיג שווער פאר מיין טאטן." עשו האט בלינדערהייט געגלייבט אז דאס איז דער טעם פארוואס ער איז אן איש שדה, ווייל ער באדינט זיין טאטן די מערסטע פון זיינע מעגליכקייטן. דאס איז וואס ער האט געטראכט. און דאס איז ווי אזוי ער האט פארנארט זיין טאטן. ווען ער איז צוריקגעקומען ביים סוף טאג און ער האט געברענגט הערשן פלייש אין זיין טאטן'ס געצעלט, האט זיין פאטער געזאגט, "זע מיין זון וואס פארברענגט זיין גאנצן טאג מיט די מצוה פון כיבוד אב."

## א קייט פון טעותים

אלזא, איך קען נישט ערקלערן אלע טעמים פארוואס יצחק איז פארפירט געווארן אבער ס'איז נישט קיין שאלה אז דאס וואס עשו האט זיך אליין גענארט, דאס איז געווען דער עיקר טעם. ס'איז א שרעקליכע מעשה, א פחד'יגע מעשה, און דאס איז א **חֲרָדָה גְדֹלָה עַד מְאֹד**, זייער א גרויסע ציטערניש אז אזא זאך קען פאסירן. אבער ס'איז מעגליך און עס האט פאסירט. און דאס איז א געוואלדיגע לערע פאר אונז.

וואספארא לערע? ס'איז די געוואלדיגע לערע פון וואס ירמיהו הנביא (יז:ט) האט גערעדט. **עָקֹב הַלֵּב מִכֹּל** - די הארץ איז זייער קאמפליצירט; ס'איז די קאמפליצירסטע זאך, **וְאָנֻשׁ הוּא מִי יֵדָעֶנּוּ** - און ווער קען דאס וויסן? ס'איז זייער לייכט צו מאכן א טעות אין די פנימיות פון אונזער אייגענע הארץ. און דאס איז וואס עשו האט געטון. ער האט געמאכט דעם שרעקליכן טעות פון זיך אליין פארנארן און דאס האט זיך דערקייקלט ביז אפילו יצחק אבינו איז פארנארט געווארן.

# חלק ב. מדארף זיך חושד זיין

## וואוינען אין די ישיבה

אלזא, יעקב איז געווען אינגאנצען אן אנדערע מעשה. ער האט נישט געמאכט דעם טעות וואס עשו האט געמאכט. און דאס איז עפעס וואס מיר דארפן פארשטיין פאר זיך אליין. וואס איז דאס וואס האט געמאכט יעקב אנדערש?

און דער ענטפער איז, **וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים** - יעקב איז געווען א מענטש מיט שלימות וואס איז געזעסן אין די געצעלטן (תולדות כה:כז). אלזא, מיר האבן שוין געהערט די ווערטער פון חומש אזויפיל מאל, אז מיר זענען שוין צוגעוואוינט צו דורכגליטשן איבער דעם ווי א מענטש וואס גליטשט זיך אריבער איבער א פארפרוירענער טייך; ער באמערקט נישט ווי טיף די וואסערן זענען.

אבער א מענטש וואס איז ערנסט מיט די תורה דארף אויפהערן זיך גליטשן און צוהערן צו וואס די ווערטער פונעם פסוק באדייטן: פארוואס איז יעקב געווען אן איש תם? פארוואס איז ער געווען א שלימות'דיגער מענטש? **יֹשֵׁב אֹהָלִים** - ווייל ער איז געזעסן אין די געצעלטן פון זיין פאטער און מוטער.

און דאס זענען שוין איינמאל געווען געצעלטן! אפילו דורך זיצן אין רבקה'ס געצעלט אן יצחק, קען מען שטייגן אן קיין גרעניץ. צו הערן רבקה'ס חכמה, צו זען איר עבודת ה', איר ערליכקייט, איר איידלקייט. און יצחק אודאי! בלויז צו זען די צורה פון יצחק איין מאל קען אונז טוישן אויף אייביג. אבער צו פאקטיש אויפוואקסן אין זיין געצעלט?!

און זיי זענען געווען געטרייע עלטערן וואס האבן גע'מוסר'ט, געפירט און געגעבן הדרכה. און ווייל יעקב האט געוואלט האבן די פארדינסטן וואסביידע עלטערן קענען געבן איז ער פארבליבן אין געצעלט וואו זיינע עלטערן האבן געקענט ארבעטן אויף אים; ער האט זיי צוגעהערט, און דאס איז ווי אזוי ער איז אויסגעוואקסן אן איש תם.

## א נויטווענדיגע לעזונג

לאזט מיר עפעס ערקלערן. ס'איז געווען א צייט שפעטער אין די תקופה פון בית שני ווען עס זענען נישט געווען קיין שולעס פאר קינדער. נאר וואס האט פאסירט? אין די טעג פון שמעון בן שטח, האט א רפיון, א שוואכקייט, זיך אנגעהויבן ארייננזעצן ווייל דאס אידישע פאלק איז אריבער א לאנגע און שווערע תקופה; פאר דרייסיג יאר האבן די חשמונאים זיך געשלאגן מיט די סירישע גריכן. און דאן האבן די צדוקים איבערגענומען דאס הויז פון חשמונאי און דערפאר איז דאס אידישע פאלק אצינד געווען דורכגעפוילט. די אלטע וועגן זענען צעבראכן געווארן און דעריבער האט מען געזען פאר וויכטיג צו מאכן תלמודי תורה. און אזוי האבן שמעון בן שטח אינאיינעם מיט א געוויסער כהן גדול געגרונדעט א נעץ פון תלמודי תורה פאר די יוגנט; א סיסטעם פון חדרים, פון לערנען מיט קינדער אין מוסדות.

אלזא, טראכט נישט אז עס איז אזא וואונדערבארע זאך. איינער האט אמאל געשריבן ווי

פארגעשריטן דאס אידישע פאלק איז, אז אן אלגעמיינער חינוך סיסטעם להבדיל ביי די גוים איז נישט אויפגעשטעלט געווארן ביז די שפעטערדיגע טייל פון דעם לעצטן יאר-הונדערט; אפילו אין פראנקרייך, איז א חינוך סיסטעם פאר די יוגנט נאר אויפגעשטעלט געווארן אין די אכצן הונדערט אכציגער, נייציגער יארן (למספרם). "אבער צווישן אידן," האט ער געשריבן, "האבן מיר פארמאגט אן אלגעמיינער חינוך סיסטעם פון די צייטן פון שמעון בן שטח. ער האט געמאכט א תקנה אז מען מוז שיקן די קינדער צו די תלמודי תורה. אה! איז דאס נישט א געוואלדיגע זאך? מיר שטייען צוויי טויזנט יאר פאראויס פון די פעלקער!"

האט אן אדם גדול רעאגירט אויף דעם, ער האט געזאגט, "האלט זיך נישט גרויס דערמיט. ס'איז אמת - מיר שטייען העכער ווי די פעלקער אין דעם הינזיכט, אבער ס'איז נישט א זאך צו זיין אזוי פרייליך דערמיט ווייל דאס איז בלויז געווען צוליב דעם צוזאמברוך פון די היים, א צוזאמברוך פון די אידישע גאס, פארוואס מיר האבן געדארפט גרינדן מוסדות."

## דאס לעבן מיט צוויי מדריכים

אריגינעל האבן מיר דאס נישט געדארפט האבן ווייל יעדע הויז איז געווען א ישיבה און א שולע. צי האט איר זיך אמאל געוואונדערט פארוואס מיידל שולעס זענען נאר געגרונדעט געווארן לעצטנס? פארוואס האט נישט הילל געמאכט א מיידל שולע? פארוואס האט נישט רבא געמאכט א מיידל שולע?

דער ענטפער איז, עס האט נישט אויסגעפעלט! עס איז נישט געווען וויכטיג ווייל אין יעדע אידישע הויז זענען די מיידלעך געלערנט געווארן אלעס וואס זיי האבן געדארפט וויסן. זיי זענען געלערנט געווארן מידות און דרך ארץ און אלע הלכות וואס פרויען דארפן וויסן.

און אודאי זענען די אינגלעך געלערנט געווארן. דער אריגינעלער סיסטעם איז געווען ושננתם לבניך. דער פאטער, ווען אימער ער האט צייט, ווען ער גייט צו די ארבעט נעמט ער מיט זיינע אינגלעך מיט אים און זיי רעדן אין די רייד פון דברי אלקים חיים א גאנצע צייט. אזוי אויך בשעת די ארבעט און אויפ'ן וועג צוריק פון די ארבעט און ווען זיי זענען געזעסן אין הויז. די תורה זאגט דאס קלאר.

דאס מיינט נישט נאר לערנען גמרא - דאס אויך - אבער ס'איז לערנען צו זיין א איד. מיר אנערקענען נישט ווי וויכטיג עס זענען די יארן וואס מיר געפינען זיך אין אונזערע עלטערן'ס היים! דאס זענען די מערסטע בייגעדיגע יארן אין אונזער לעבן און מיר האבן צוויי מדריכים וואס זענען גרייט אונז אויסצופארעמען. "טו דאס." "טו נישט דאס." "זיי נישט פויל." זיי זאגן אונז נאכאנאנד צו קאאפערירן, צו האלטן דאס מויל פארמאכט, צו אכטונג געבן אויף אונזער געזונט, צו גיין שלאפן צייטליך, צו מאכן די בעט. זיי געבן אונז הדרכה א גאנצע צייט!

## זיך אננעמען פאר די קינדער

אודאי, אין די יעצטיגע משוגע'נע צייטן וועט איר נישט הערן אזעלכע זאכן ווי "מאך דיין בעט". אבער אין די אלטע צייטן, דאגעגן, האט מען געדארפט מאכן די אייגענע בעט יעדן

אינדערפרי. מ'האט געדארפט טון אסאך זאכן. מ'האט געדארפט שניידן האלץ און אויך אנצינדן דעם פייער אין אויוון.

די מאמע האט געזאגט און דער זון האט געפאלגט. אויב האט מען נישט געפאלגט, איז דער טאטע אנגעקומען און דאן האט ער געמוזט פאלגן. אפילו גוים, להבדיל, פלעגן ארויסנעמען די אינגלעך צום האלץ קאמער הינטער די הויז און זיי שלאגן אויב זיי האבן נישט געפאלגט. אין די גוטע אלטע צייטן האט א גוי זיך געלערנט זיך אויפצופירן גוט ווייל ער האט געהאט א היים.

היינט קען מען דאס נישט אלעמאל טון. ס'איז א שרעקליכע וועלט. אין שווייץ ארעסטירט מען איינעם וואס שלאגט זיין קינד. אויך אין אמעריקע. איך ווייס א פאל, א אינגל וואס איז געווען דרייצן יאר אלט און זיין טאטע האט אים געשלאגן. דער אינגל האט גערופן פאליציי. ער האט גערופן פאליציי אויף זיין טאטע! א פיינער, פרומער טאטע. ווען די פאליציי זענען געקומען, איז דער טאטע געווען אין באדע צימער. האט די מאמע געזאגט, "ס'איז גארנישט. ס'איז שוין פארטיג," און די פאליציי זענען אוועקגעגאנגען.

זיי וואלטן נישט געדארפט אוועקגיין! זיי וואלטן געדארפט אריינגיין און שלאגן דעם אינגל! "צו וואס שטערסטו אונז?" א פאטש! "דיין טאטע האט א רעכט דיר צו שלאגן!" אבער ניין, זיי וואלטן דאס נישט געזאגט היינט. זיי מאכן א קאמיטע, א קינדער-באַ'עוולה'ן (טשיילד אביוז) קאמיטע, און פסיכאלאגן באזוכן אין די היים. משוגעים!

## די געזעצן אויפ'ן שטראז

אבער אין די אמאליגע צייטן האט יעדער איד פארשטאנען אז די וועלט איז דא פאר א צוועק און אז מיר מוזן זיך גרייטן צו רייזן אויפ'ן שטראז פון לעבן; מיר מוזן וויסן די געזעצן אויף דעם שטראז און דערפאר איז מען געווען וויליג צו לערנען ווי אזוי צו לעבן. אפילו אויב אן אלטער איד האט דיר אפגעשטעלט אין גאס און געוויזן מיט'ן פינגער אויף דיר און געזאגט, "בויטשיק, טו דאס נישט!" וואלט מען זיך נישט געוואגט צו צוריקענטפערן. איך געדענק, איך בין געווען א קליין אינגל און מיר האבן זיך געשפילט אין גאס און אן אלטע פרוי איז פארבייגעגאנגען און אונז גע'מוסר'ט, "זייט נישט ווילד." און מיר האבן געקוקט אויף איר מיט דרך ארץ און געווארן שטילער. ווייל מיר האבן פארשטאנען אז די אידישע גאס, פונקט ווי די אידישע היים, איז א פלאץ פון טרענירונג.

אלזא, אויב אין די אמאליגע צייטן, אין די טעג פון בית ראשון און אין די ערשטע תקופה פון בית שני, איז א קינד געלערנט געווארן אלעס אין זיין פאטער'ס הויז, דאן וויפיל מער איז עס אזוי געווען אין די טעג פון די אבות? זיי האבן זיכער אריינגעלייגט אלעס וואס זיי האבן געהאט אין זייערע קינדער ווייל זיי האבן געוואוסט אז זיי בויען די צוקומפט פון דאס פאלק אויף אייביג.

## באדייט פון תורה

און אזוי, האט יצחק אבינו א גאנצן טאג גערעדט אין זיין הויז פון דעם רצון פון באשעפער,

פונקט ווי זיין פאטער האט אים אויסגעלערנט. און ער האט צוגעלייגט דערצו פירושים און ערקלערונגען.

מיר האבן נישט קיין השגה איבער וואס זיין היים איז געווען! ס'איז געווען אן ארט פון קדושה, א פלאץ פון ערליכקייט וואו א גאנצן טאג זענען זיי געזעסן און גע'חזר'ט די ענינים פון מידות טובות, פון אמונה אין באשעפער, פון פארשטיין אלע יסודות פון דעם דרך ווי אזוי דער באשעפער פירט זיין וועלט. יצחק און רבקה האבן אים אנגעלאדנט מיט אלע גוטע זאכן, און יעקב האט גוט אויסגענוצט די געלעגנהייט. ער האט אנגעפילט זיין קאפ מיט הדרכה א גאנצע צייט. דאס איז וואס דאסווארט 'תורה' באדייט. ס'איז לערנונגען, אנווייזונגען.

אלזא, איר דארפט וויסן אז אנווייזונגען מיינט נישט בלויז מיט ווערטער, לערנונגען איבער די וועלט. די וויכטיגסטע אנווייזונגען וואס מען קען באקומען איז באוואוסטזיניגקייט איבער זיך. אודאי, מיר האבן דאס נישט ליב צו הערן. ס'איז מער געשמאק צו לערנען איבער **דברים הפורחים באויר**, געדאנקען וואס זענען הויעך אין די הימלען. געוויסע מענטשן האבן ליב צו זאגן סתרי תורה, זאכן וואס זענען פארבארגן, זאכן וואס מיר פארשטייען נישט. ס'איז גארנישט שלעכט דערמיט, עס זענען אויך דא זייער אסאך פארבארגענע ענינים אין די תורה. אבער מער פון אלעס איז איינע פון די וויכטיגסטע פון אלע תורות, די וויכטיגסטע פארבארגעניש, איז צו לערנען איבער זיך אליין. און דאס איז וואס איז פארגעגאנגען אין די הויז פון יצחק און רבקה.

## זעלבסט-איבערזיכט

זיי האבן געלערנט פאר יעקב זיך אליין צו באטראכטן, זיך אליין צו מוסר'ן. און ס'איז נישט געווען עפעס בעסער ווי דאס! איר ווייסט פארוואס? ווייל אנדערש קען מען טראכטן אז מ'איז גוט, אז מ'איז אפילו בשלימות. דער איינציגסטער וועג זיך צו ערוועקן פון דעם חלום איז דורך נאכאנאנד זיך איבערקוקן, "אפשר בין איך נישט גערעכט."

און אזוי, ווען יעקב האט געזען אין זיך א שלעכטע מידה, האט ער זיך נישט בארעכטיגט און געזאגט, "ניין, ס'איז א גוטע זאך, איך וועל זיך אנהאלטן דערין." ניין, ער האט נישט געקענט טון אזא זאך אין אזא היים. ער האט זיך נישט אליין גענארט. זיינע עלטערן האבן אים געלערנט ווי אזוי צו דערקענען די נישט גוטע זאכן אין זיך און ער האט זיך געלערנט צו זיין א **מפשפש במעשיו**, צו נאכפארשן זיינע טאטן. טאג נאך טאג, וואך נאך וואך, יאר נאך יאר, האט ער זיך באטראכט און אזוי איז ער געווארן א תמים, ער איז געווארן א שלימות'דיגער מענטש.

## דער גאנג אין סלאבאדקע

ווען איך בין געווען אין סלאבאדקע - סלאבאדקע איז געווען גארנישט קעגן דאס הויז פון יצחק אבינו; מען קען אפילו נישט חלומ'ען עס זאל זיין ווי יענע היים - אבער אין סלאבאדקע זענען מיר געלערנט געווארן צו טראכטן אזוי. אונזערע רביים זכרונם לברכה האבן אסאך גערעדט אין די נושא און זיי זענען געווען מומחים אין אנאליזירן מענטשן. אויב איז מען געגאנגען צו זיי פריוואט און געבעטן הדרכה, אויב האט מען געזאגט, "רבי, זאגט מיר עפעס

איבער מיר; ביטע מוסר'ט מיר," דאן האבן זיי צוליב געטון, זיי וואלטן עס געטון פאר דיר.

איך ווייס געוויסע וועלכע האבן דאס געטון. זיי האבן געבעטן. און אונזערע רביים האבן געוואוסט וואס זיי טוען; זיי האבן עס געטון איידל ווי א כירורג וואס דארף ארויסנעמען עפעס א פרעמדע געגנשטאנד פון דיר אדער מאכן אן אפעראציע אויף דיר. ער מאכט נישט סתם א שארפער שניט. ער טוט עס איידל. אונזערע רביים האבן איידל בודק געווען און זיי האבן געפונען וואס עס דארף אפגעטון ווערן און זיי האבן עס געזאגט. אבער בעיקר האבן זיי אונז געלערנט אז מיר דארפן זיך אליין בודק זיין.

סלאבאדקע איז געווען א גלענצנדע געלעגנהייט אבער אין די היים פון יצחק און רבקה איז עס געווען טויזנט מאל בעסער. און ווייל יעקב איז געווען יושב אהלים; ער איז געזעסן אין געצעלט, האט ער קונה געווען דעם ציל פון לעבן.

## עשו דער גאסן מענטש

אצינד, וואו איז עשו געווען ווען דאס אלעס איז פארגעגאנגען? **עֵשָׂו אִישׁ יֹדֵעַ צַיִד אִישׁ שָׂדֶה**. ער איז ארויס צו די פעלדער. ער איז געווארן א גאסן מענטש און ער איז געווען אינדרויסן פון הויז ווי מער ער האט געקענט. ער האט זיך פארנומען מיט יעגעריי. אין יענע צייטן, איז עס געווען א יוגנטליכע פארברעכנגעריי, אבער דאס האט אים געהאלטן ווייט פון די אנווייזונגען פון זיינע עלטערן און ער איז אויפגעוואקסן א גענצליך אנדערער מענטש. איר ווייסט, דיביימער און גראז מוסר'ן קיינמאל נישט; זיי האבן אים קיינמאל נישט דערמאנט אריינצוטראכטן אביסל טיפער אין זיין וועג פון לעבן. און אזוי האט ער קיינמאל נישט געלערנט ווי אזוי צו ווערן אן איש תם - אודאי האט ער יא אין א געוויסן זין, אבער דאס איז געווען גארנישט קעגן יעקב.

און מאכט נישט קיין טעות איבער דעם. עשו האט געטראכט אז ער טוט די ריכטיגע זאך. "יעקב מאכט דעם טעות," האט ער געזאגט. צי האט עשו געטראכט, 'איך האב נישט ליב קיין מוסר'? 'איך האב נישט ליב צו ווערן פאראורטיילט דורך מיינע עלטערן און דערפאר האב איך ליב צו זיין אינדרויסן'? ניין, דאס איז אים קיינמאל נישט געקומען אויפ'ן געדאנק. און דערפאר איז דער גרעסטער טעות פון עשו געווען אז ער האט נישט אויסגענוצט דאס הויז פון זיינע עלטערן צו זיצן און לערנען פון זיי. דאס איז געווען זיין גרעסטער טעות פון אלעם ווייל ער האט פארפאסט צו לערנען איבער זיך אליין.

# חלק ג. מדארף קענען זיין כיטער

## א קוואל פון חכמה

אצינד, איינע פון די זאכן וואס עשו האט דערלייגט דורך זיין אויף די פעלדער איז געווען דער ספר משלי. איר ווייסט, משלי איז נישט ערצייגט געווארן בלויז דורך שלמה המלך. אויסער זיין אייגענע חכמה וואס ליגט דערין, האט ער אויך צוזאמגעזאמלט און פארשריבן חכמות וואס

ער האט געלערנט פון די קדמונים; און אין דעם וועג איז משלי געווארן א קוואל פון די טיפסטע חכמה פאר אן ערפאלגרייכע לעבן.

איז עס נישט א שאנדע אז אזויפיל מענטשן מאכן זיך די צייט צו ליינען אלעס אנדערש - צייטונגען, מאגאזינען און אזויפיל אנדערע מיסטן; טייל מענטשן ליינען אויסגעטראכטע מעשיות, פאנטאזירטע פאשטעלונגען וואס די שרייבערס האבן פאבריצירט אין זייערע קעפ, אבער פאר משלי, דער קוואל פון חכמה, האבן זיי נישט קיין צייט.

צי קען עס זיין אז איר זאלט אפלעבן אייער גאנץ לעבן און נישט דורכלערנען משלי כאטש איין מאל? כאטש ליין עס אויף ענגליש. עס איז פיל מער ווי דאס, עס איז פיל טיפער ווי די ענגלישע ווערטער, אבער כאטש אזויפיל טוה. שלמה המלך האט נישט סתם פארברענגט זיין צייט; ער האט געוואוסט וואס ער רעדט.

## זיי נישט קיין נאר

און אזוי קענט איר זיין זיכער אז צווישן די פיל זאכן וואס זענען געלערנט געווארן אין די געצעלטן פון יצחק און רבקה איז געווען אלעס וואס געפינט זיך אין דעם ספר משלי. אלע השקפות וואס איר וועט דארט געפינען האט יעקב געלערנט. און דאס איז ווי אזוי ער איז געווארן אן איש תם.

אבער איך וועל אייך אצינד איבערראשן מיט עפעס, איבער וואס עס מיינט צו זיין אן איש תם. מיינט נישט אז אן ערליכער מענטשן איז א נאר. תם מיינט נישט צו זיין א נארישער מענטש, איינער וואס האט נישט קיין חכמה אדער כיטרישקייט. ניין, עס מיינט נישט דאס. א מענטש מוז זיין כיטרע כדי צו זיין א לייטישער מענטש.

דאס איז פארוואס אין אנהייב פון ספר משלי, ווען שלמה המלך זאגט אונז זיינע טעמים פאר'ן מאכן דעם ספר, שרייבט ער **לָתֵת לִפְתָאִים עָרְמָה** - צו געבן פאר די נאראנים כיטרישקייט (א:ד). איר ווילט מצליח זיין אויף די וועלט? די ערשטע זאך איז זיך צו לערנען צו זיין א טראכטער; נישט זיין אן איבערפלעכליכער נארישער מענטש.

## זיך פירן דיפלאמאטיש

מען דארף וויסן ווי אזוי צו האנדלען מיט מענטשן. צי זאלסטו שרייען אויף זיי און זיי זאגן וואס זיי דארפן טון? ניין. מען דארף וויסן ווי אזוי צו האנדלען מיט מענטשן כיטרע. נישט אלעמאל קענסטו זאגן וואס דו טראכסט און נישט אלעמאל מעג דיין פנים ארויסווייזן וואס דו פילסט. אמאל, כדי צו קענען דערגרייכן זאכן מוזסטו ניצן טריקס, פארשידענע דריידלעך, כדי קיינער זאל נישט חושד זיין צו וואס דו צילסט.

א מענטש וואס פארמאגט נישט קיין כיטרישקייט איז ווי א טראקטאר. ער גייט גלייך פאראויס און לויפט מיט קראפט איבער מענטשן. ניין, ניין. איר דארפט האנדלען אזוי ווי די סעקרעטערי אוו סטעיט האנדלט מיט מענטשן. דער סעקרעטערי אוו סטעיט טוט זיך נישט אן קיין גראבן הענטשיקעס און האלט נישט קיין נאגייקע. אויב יא וואלט ער נישט געווען די

סעקרעטערי און סטעיט. ער האנדלט דיפלאמאטיש, מיט כיטרישקייט - אדער כאטש דארף ער אזוי טון.

## אויסנארן דעם פאפער

איר געדענקט ווען יעקב איז אנטלאפן פון לבן'ס הויז און לבן האט אים נאכגעיאגט און אים געוואלט הרג'נען. און דאן האט זיך דער באשעפער באוויזן צו לבן אין א חלום און אים געווארנט, "געב אכטונג! דו זאלסט נישט שעדיגן יעקב!" דעם קומענדיגן אינדערפרי ווען ער האט דערגרייכט יעקב האט ער מורא געהאט זיך אנצוהייבן מיט אים אבער ער איז דאך געווען חוצפה'דיג קעגן אים. וואס האט יעקב געטון? ער וואלט געקענט זאגן, "געב אכטונג! דער באשעפער האט דיר געהייסן אכטונג געבן." ער וואלט אים אויך געקענט שלאגן איבער'ן קאפ. יעקב איז געווען א שטארקער מענטש.

אבער ניין, ער האט דאס נישט געטון. אנשטאט, האט ער געמאכט א סעודה און זיי האבן געגעסן צוזאמען און זיי האבן זיך געקושט און זיי האבן זיך פריינטליך געזעגנט.

דאס איז געווען יעקב; דאס איז אפנארעריי. ער רעאגירט נישט אן מחשבה. ער טראכט עס אדורך; ער וועט נישט רעאגירן בלויז דורך זיינע אינסטינקטן. דאס איז חכמה. **אֲנִי חָכְמָה שָׁכַנְתִּי עָרְמָה** - איך קלוגשאפט וואוין אין כיטרישקייט (משלי ח:יב). אודאי, עס מוז אלעס זיין פאר דעם צוועק פון חכמה וחסד, פון טון דעם רצון ה', אבער ווען איר לערנט די פאסירונגען אין חומש זעט איר עס נאכאנאנד דורכאויס זיין לעבן; יעקב האט מצליח געווען מיט מענטשן ווייל ער האט נישט געטראכט אויבערפלעכליך - ער האט זיך געלערנט צו טראכטן אין א כיטרער וועג.

## זיך אליין איבערקלוגן

אצינד, כאטש וואס די חכמה פון לערנען ווי אזוי צו האנדלען מיט אנדערע מענטשן איז זייער וויכטיג, האט אבער די גרעסטע חכמה פון כיטרישקייט וואס יעקב האט געלערנט גארנישט געהאט צו טון מיט אנדערע מענטשן. דער וויכטיגסטער צוועק פון א כיטרער מח איז מיט'ן ציל פון האנדלען מיט זיך אליין; כדי דו זאלסט זיך אליין איבערקלוגן. **לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם עָרוּם בְּיִרְאָה** - שטענדיג זאל א מענטש זיין כיטרע מיט יראת שמים (ברכות יז.), ווייל דו האנדלסט מיט א קעגנער וואס איז זייער כיטרע - דו האנדלסט מיט זיך אליין! און אויב דו טראכסט נישט מיט כיטרישקייט, דאן מיינסטו שטענדיג אז דו ביסט גערעכט.

דאס איז נאך א לערנונג פון משלי: **כָּל דֶּרֶךְ אִישׁ יָשָׁר בְּעֵינָיו** - יעדער מענטש'ס וועג איז גערעכט אין זיינע אייגענע אויגן (משלי כא:ב). ער זאגט דא א באהויפטונג איבער מיר און דיר, איבער די זאכן וואס מיר טוען יעדן טאג. יעדער מיינט אז זיי האבן גוטע מידות; דאס איז וואס שלמה המלך זאגט. אין דיין אייגענעם קאפ טראכסטו אלעמאל אז דו טוסט ריכטיג.

איך האב שוין אויסגעהערט אזויפיל פעלער פון שכנים וואס קריגן זיך, שוויגערס און שנורן, מענער מיט זייערע ווייבער קריגן זיך. און ס'איז מערקווירדיג אז יעדער איינער איז גערעכט. אלעמאל. און דער אמת איז, אז צומאל זענען זיי ביידע זייער אומגערעכט, שרעקליך

אומגערעכט. טייל מענטשן זענען אזוי אומגערעכט אז זיי כאפן נישט ווי שלעכט זיי זענען. און עס איז באזירט אויף גארנישט, נאר עפעס א קליינע מידה, א נארישער כאראקטער, א שוואכקייט אין א כאראקטער שטריך, וואס פארפירט אים. נאר אז קיינעם פאלט אפילו נישט איין אז ער איז דער שולדיגער צד.

## די גרעסטע פראבלעמען

און דערפאר איז אזוי וויכטיג זיך צו אינטערזוכן און נישט טראכטן אז מ'איז אלעמאל גערעכט. אייגנטליך איז נישטא קיין ברירה, ווייל דער באשעפער טוט סייווי אינטערזוכן דיין מח, צי עס געפעלט דיר אדער נישט. דאס איז וואס שלמה המלך זאגט ביים סוף פון דעם פסוק: "יעדער דרך פון א מענטש איז גערעכט אין זיינע אויגן, **וְתֹכֵן לִבּוֹת ה'**, אבער דער באשעפער מעסט יעדן'ס הארץ (משלי שם.). און דערפאר, וואס וועט עס העלפן זיך אליין אפצונארן אויב דער באשעפער וועט מעסטן דיין הארץ? דער באשעפער מעסט די טיפענישן פון הארץ, וואס עס זענען דיינע אמת'ע כוונות, דיינעווירקליכע געדאנקען, דיינע פאקטישע מאטיוואציעס.

און דאס איז די שווערסטע פון אלעם. זיך אליין צו קענען איז דער גרעסטער פון אלע פראבלעמען ווייל ווען עס קומט צו דעם, איז יעדער גענצליך בלינד. איך וועל דאס ערקלערן.

עס שטייט אין די תורה (דברים טז:יט): **כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים** - שוחד מאכט בלינד די אויגן פון קלוגע לייט. שוחד איז נישט נאר עפעס וואס פארדארבט א מענטש'ס מידות. ניין! עס טוט ערגערס. עס פארדארבט זיין מח.

## דעליקאטע באלאנס פונעם מח

אויב געבט איר פאר א ריכטער א טיקעט אויף א רייזע קיין ארץ ישראל - דאס אלעס; איר זאגט אים גארנישט - גלייך הייבט ער אן צו זען די ליכטיגע זייט פון דיר. ער זעט אז דו ביסט א גוטער מענטש. און יעצט וועלן זיינע אלע פסקים, אלע לעגאליטעטן, זיך אנהייבן איבערצואַרבעטן אין זיין קאפ לויט א נייער גאנג און פלוצלינג, דאס וואס וואלטן געקענט זיין די פיצינקסטע שפאלטן אין א לעגאלער וואנט, ווערן נישט גרויסע לעכער - זיי ווערן ברייט אפענע טויערן! דאס איז וואס שוחד טוט; עס טראסקעט אראפ די גאנצע גערעכטיגקייט וואגשאל פון באלאנס.

דאס קען מען נישט העלפן. דער מח פארמאגט א דעליקאטער באלאנס. איר ווייסט, עס זענען דא פארשידענע וואג מעסטערס וואס ווערן גענוצט פאר עקספערימענטן, לאבעראטאריע וואגשאלן וואס ווערן גענוצט צו אפוועגן די פיצינקסטע טיילן פון א מיליגראם. איין שפרענקל פון שטויב קען אומווארפן די וואגשאל פון איר ריכטיגער באלאנס. ס'איז אזוי דעליקאט אז מ'דארף עס האלטן אין א גלאזערנער קאסטן, ווייל אפילו די פיצינקסטע שפרענקל פון שטויב קען קומען און עס רואינירן. דערפאר ניצט מען עס פון הינטער גלאז.

אצינד, שטעלט זיך פאר אז איר נעמט א טאן פון וואג, א טאן פון בליי, און איר לייגט עס

אויף איין זייט וואגשאל. וויפיל מעגליכקייטן איז דא אז פון יעצט און ווייטער וועט עס נאך קענען אפוועגן די איידעלע וואג? ס'איז געענדיגט! די גאנצע זאך פאלט צוזאם אויף איין זייט און עס איז מער נישטא קיין האפענונג צו קענען מאכן דערמיט א פונקטליכע מעסטונג.

אזוי איידל איז דער מח. דאס איז גארנישט קיין פארגלייך צום מח - דער מח אז נאך פיל מער דעליקאט ווי דאס - און איין ביסעלע שוחד מאכט דיר א געענדיגטער; דו וועסט מער נישט קענען וועגן מיט דיין מח.

## די טיפסטע טונקלקייט

אלזא, אויב דאס איז דער פאל, איז דא איין שוחד וואס מיר האבן אלע באקומען וואס נעמט אונז גענצליך ארויס פון דינסט און דאס איז זעלבסט-ליבע. דער גרעסטער שוחד אויף די וועלט איז ליבשאפט צו זיך אליין. יעדער איז איבערצייגט ביי זיך אז ער פירט זיך ריכטיג, ווייל וואספארא שוחד איז גרעסער ווי ליבשאפט צו זיך אליין? און יעדער איז אויסגעשטעלט צו אזא שוחד! איר דארפט אלעמאל זיין אויף דער וואך ווייל א גאנצן טאג באקומט איר דעם שוחד!

און דאס איז זייער א וויכטיגער לימוד צו לערנען. אויב זענט איר געקומען צום שיעור היינט בלויז דאס צו הערן, איז עס וויכטיג. דו ביסט אלעמאל גערעכט! אפילו ווען דו האסט זיך איינגעבויגן און געזאגט ווידוי, און דו האסט זיך געקלאפט אין הארץ און פארלאזט טרערן, "חטאתי! איך בין נישט געווען גערעכט. פארוואס האב איך דאס געטון?", בשעת דו האסט דאס געזאגט האסטו געטראכט, 'זע וואס אן ערליכער מענטש איך בין.' בשעת איר האט געקלאפט מיט אייער האנט אין הארץ, האט איר געטראכט, 'וואספארא פיינער מענטש בין איך אז איך טו דאס, אז איך טו תשובה אזוי.' למעשה, האלט זיך נישט אפ פון דאס טון בלויז צוליב דעם. כאטש גייסטו דורך מעשים. אבער ס'איז נישט קיין שאלה אז אט די פינסטערניש פון זעלבסט שוחד איז די טיפסטע פינסטערניש פון אלעם.

## א תירץ נישט צו זיין ביים לערנען

און דאס, ווי אזוי איבערצוקומען אט די פינסטערניש, איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע זאכן וואס יעקב אבינו האט געלערנט אין דאס הויז פון יצחק און רבקה. וואס האט ער געלערנט? ער האט געלערנט דעם פאך פון זיין כיטרע מיט זיך אליין, נישט צו ווערן פארנארט דורך זעלבסט-ליבע. ער האט געלערנט זיך אליין צו איבערזיכטן, נישט אויבערפלעכליך נאר מיט כיטרישקייט. **לָתֵת לִפְתָאִים עָרְמָה**. וואס איז א פתי? א פתי איז א מתפתה ביצרו, איינער וואס ווערט איבערגערעדט דורך זיין יצר הרע; ער ווערט איבערגערעדט צו טראכטן אז ער איז גוט.

דו דארפסט זיך לערנען לחשוד את עצמו, זיך אליין צו חושד זיין. דו דארפסט טראכטן איבער זיך און נאכפארשטן דיינע מעשים. דו דארפסט אינטערזוכן דיינע געדאנקען און דיינע מאטיוואציעס. דו דארפסט זיך בודק זיין און דאס פאדערט חכמה. און דאס איז וואס יעקב

האט געלערנט; דערפאר ווערט ער גערופן **אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים**.

אבער עשו האט דערלייגט. עשו איז נישט געווען אן איש תם. ער איז נישט געקומען צו קיין שלימות ווייל ער איז געווען א פלאכער מענטש. ער האט גארנישט געוואוסט, קיין חכמות. ער איז נאכגעלאפן א הערש אין פעלד; געשאסן א פייל, גע'הרג'ט דעם הערש. געשאסן נאך א פייל, געהרג'עט נאך א הערש. 'ס'איז זייער גוט. איך בין מקיים כיבוד אב. וואס קען זיין שלעכט?' דאס איז די גאנצע וואס ער האט געוואוסט. צי האט ער זיך אינטערזיכט אז אפשר פראבירט ער זיך ארויסצודרייען פון לערנען? אז עס איז נישט אינגאנצן כיבוד אב. אפשר איז עס בלויז א תירוץ צו קענען זיך דערווייטערן פון די וואכזאמע אויגן פון זיינע עלטערן. ער האט זיך נישט אינטערגעזיכט. די גאנצע סוגיא פון ווי אזוי צו ווערן אן איש תם האט ער נישט געקענט. ער איז געווען א גראדער מענטש און א גראדער מענטש איז גארנישט. א גראדער מענטש קען נישט זיין אן עובד ה' ווייל ער נארט זיך!

## דער נאר פאלט אריין אין גיהנום

ער איז דער גרעסטער רמאי. ווי דער מדרש זאגט אויף דעם נאמען עשו, אז עס קלינגט ווי **הוי שָׁוְא** - ווי פאלש איז ער! ער איז אזוי פאלש, נישט ווייל ער פארנארט מענטשן, ער פארנארט זיך אליין! דאס איז די גרעסטע פאלשקייט. עשו איז געווען א רמאי, נישט ווייל ער איז בכוונה געקומען צו פארנארן. ער האט געטראכט, 'איך וועל מחמיר זיין מיט מלח, פארוואס נישט?' איך וועל פרעגן מיין פאטער, "איך מעשרין את המלח?" ער איז נישט סתם געווען א שווינדלער וואס פראבירט צו פארנארן זיין פאטער. ניין, ער האט זיך אליין פארנארט!

אבער דער באשעפער האט געזאגט, "דו ווילסט א חומרה אין מלח?! זייער גוט! אבער וואס איז מיט די חומרה אין מידות טובות? וואס איז מיט די חומרה אין אנערקענען דיינע מאטיוואציעס? דאס איז די שווערסטע זאך און דאס איז אויף וואס איך ווארט."

## דער שרעק פון זיך פארנארן

און דאס איז וואס עס מיינט אז ווען עשו איז אריין אין זיין פאטער'ס געצעלט צו נעמען די ברכות וואס ער האט געטראכט אז עס קומט זיך אים, האט יצחק געזען די עפענונג פון גיהנום דארט אין געצעלט. יצחק האט זיך געזען שטיין ביים אפגרונט פון גיהנום אבער ער האט געזען אז עשו פאלט שוין אריין! און דערפאר איז יצחק אזוי שטארק דערציטערט געווארן; נישט נאר וואס ער האט איינגעזען דעם טעות וואס ער האט שיעור געמאכט, נאר נאך וויכטיגער, ער האט אצינד געזען אז דער טעות איז פאראורזאכט געווארן דורך די זעלבסט-נארעריי פון זיין זון. ער האט יעצט געזען אז דאס נישט קענען זיך אליין איז די עפענונג צום גיהנום. עשו האט געברענגט א חורבן אויף זיך ווייל ער האט זיך נישט געוואלט נאכפארשן, און צוליב דעם האט ער שיעור חרוב געמאכט דאס גאנצע אידישע פאלק אויף אייביג.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**וואס מיינט צו פארשאפן נחת פאר'ן באשעפער?**

### תשובה:

איר דארפט פארשטיין אז דער באשעפער איז אזויפיל העכער פון אונז אז ער קען אינגאנצן נישט אפעקטירט ווערן דורך אונזערע מעשים. אונזערע מעשים האבן אינגאנצן נישט קיין השפעה אויף אים! אבער דאך דארפן מיר זיך פירן לויט זיינע אנווייזונגען אין די תורה. און די תורה זאגט אונז אז דער באשעפער האט נחת פון אונזערע מעשים. "ישמח ה' במעשיו." און דערפאר, דארפן מיר זיך פירן אין דעם וועג. ס'איז זייער וויכטיג זיך צו פירן מיט דעם אין געדאנק. איז ווען איר טוט עפעס, זאלט איר זאגן, "איך טו דאס צו מאכן א נחת רוח פאר מיין בורא."

דאס איז זייער א וויכטיגע אויפגאבע אין אונזער לעבן. און דערפאר, סיי ווען איר טוט עפעס, אויב איר קענט, זאלט איר זאגן, "איך טו דאס צו מאכן דעם באשעפער פרייליך." און פארלאזט זיך נישט בלויז דאס צו טראכטן ווייל דאן וועט עס נישט פאסירן. זאגט עס מיט אייער מויל, "איך טו דאס צו מאכן דעם באשעפער פרייליך." און דער באשעפער איז פרייליך! "ישמח ה' במעשיו." דער באשעפער איז פרייליך מיט אונז ווען מיר טוען זיין רצון.

אצינד, דער רמב"ם פרעגט, "וואס איז כבוד ה'?" און ער ענטפערט אז טראכטן פון באשעפער — דאס איז כבוד ה'. ווי מער איר טראכט פון באשעפער, אלס מער זענט איר מכבד דעם באשעפער. א מענטש דארף זיך איינגעוואוינען צו טראכטן פון באשעפער א גאנצע צייט. און ווען איר טראכט פון באשעפער און געבט אים כבוד, "יהי כבוד ה' לעולם," דאן איז "ישמח ה' במעשיו."

און דאס איז ווי אזוי מיר דארפן לעבן. מיר דארפן לעבן מיט די לערנונגען פון די תורה. נישט מיט די לערנונגען פון די פילאזאפן. כאטש וואס מיט פילאזאפיע וואלטן מיר געזאגט אז דער באשעפער איז צו הויך אז ער זאל באריערט ווערן דורך אונזערע מעשים, דארפן מיר שטענדיג לעבן לויט די רייד פון די תורה, און מיר דארפן שפירן א הרגשה, א פאקטישע געפיל, אז דער באשעפער פריידט זיך ווען ער זעט אז זיינע קינדער טוען די זאכן וואס זיי דארפן טון.

בס"ד

# לכבוד די חשובע תורת אביגדור ליינער!

ברוך השם אז מיר האבן געהאט די זכיה אין די פארגאנגענע יארן אייך מהנה צו זיין **וועכענטליך** מיט די הערליכע גליון, וואס ווערט צוזאמען געשטעלט פון די שיעורים פון **הגאון הצדיק ר' אביגדור מיללער זכרונו לברכה**, און איז געשריבן מיט א קלארקייט און געשמאק, איבערצוגעבן **די ריינע תורה השקפה** פאר טויזענטער אידן ארום די וועלט.

שווערע כוחות גייען אריין יעדע וואך, נישט שפארנדיג **קיין צייט און קיין געלט** אז עס זאל ארויסקומען א דבר השלם; **געשמאק צו ליינען פיל מיט תוכן**, אלעס פאר איין ציל, **נענטער צו ברענגען אידישע קינדער לאביהם שבשמים**, כן יעזור השם הלאה.

ביי די געלעגנהייט ווילן מיר אייך מיטטיילן די גאר **פרייליכע נייעס**, אז מיר גרייטן זיך בעזרת השם און די נאנטע צוקונפט צו גיין צום דרוק מיט די לאנג ערווארטעטע נייע **ספר תורת אביגדור על פרשת השבוע – באידיש**, גאר רייך איבער געארבעט וואס וועט בעז"ה ערשיינען אין **צוויי בכבוד'יגע בענדער**.

מיר געבן אייך דא די **געלעגענהייט** אפצוקויפן די זכות פון א פרשה, לזכות אדער לע"נ אייער באליבטע, וואס וועט פארשריבן ווערן אויף אייער נאמען אין די ספר לזכרון עולם. **קויפט יעצט די זכות פאר בלויז $500 א פרשה**. מיט'ן נעמען א פרשה, נעמט איר אויך די זכות פון טויזענטער אידן וואס וואקסען אין עבודת השי"ת צוליב אייער נדבה.

**די צוקונפט פון תורת אביגדור ווענדט זיך אין אייער הילף.**

מנדב צו זיין א פרשה קענט איר שיקן א אימעיל\אדער א טעקסט מעסעדזש צו *yiddish@torasavigdor.org* אדער רופן 845-422-7601. אויב קיין ענטפער ביטע לאזט א מעסעדזש.

**בברכה, מערכת תורת אביגדור**

נ.ב. פאר בלויז $500 איז דער זכות גדולה מאד אייערס אויף אייביג, **פארבינדט אייך שוין!**

בס"ד

## זעלטענע געלעגנהייט

# בקרוב יופיע!

צוויי בענדער תורת אביגדור על התורה - אידיש

## יעצט איז די צייט ✓

קויפט אפ די
זכות פון איין
**פרשה**
פאר בלויז
**$500**




**פארבינדט אייך שוין:**
אימעיל/טעקסט:
*yiddish@torasavigdor.org*
טעלעפאון:
845-422-7601